**אַ גרוס פונעם ערשטן טאָג אינעם העס"ק צענטער דעי-העב אין וויליאַמסבורג**

ערפינדונגען אין די וועלט פון טיפול מיוחד, איז נישט דאָס וואָרט, ווען מען הייבט אָן צו רעדן פונעם העס"ק דעי-העב צענטער אין וויליאַמסבורג. עס איז ממש זיך נישט פאָרצושטעלן וואָס מ'קען אַלץ טאָן און אויפטאָן, מיטן צושטעלן גוטע באַשעפטיגונגען און רייכע, צוציענדע לימודים פאַר די מיטגלידער, בעת אַנדערע מוסדות און אָרגאַניזאַציעס און דער ציבור געניסט פון די וואַלאָונטיר-אַרבעט וואָס די מיטגלידער פירן דורך.

דער שרייבער פון די שורות איז באַקאַנט געוואָרן מיט די געוואַלדיגע אַקטיוויטעטן פאָריגן דאָנערשטאָג, ווען מיר האָבן באַגעגנט די גרופּע פונעם נייעם העסק דעי-העב צענטער פון וויליאַמסבורג זיך צוריקקערן פון וואָס עס איז קענטליך געווען אַ שווערער טאָג אַרבעט צו דעם צענטער'ס קוואַרטיר אויף בערי סטריט.

אינאיינעם מיט די גרופּע איז מיטגעגאַנגען ר' חיים מאיר פריעדמאַן, דער געטרייער קאָאָרדינאַטאָר – ביי וועמען מיר האָבן זיך אינטערעסירט פון וואו די שירא קומט, און מיט וואָס זיי האָבן אויסגענוצט דעם טאָג, מיט אַ באַשעפטיגונג וואָס זייערע פנים'ער און שמייכלען האָבן שוין דערציילט אַז זיי האָבן שטאַרק הנאה געהאַט דערפון. אַלס אַנטוואָרט האָבן מיר באַקומען אַ סך הכל פון די ערשטע דריי טעג אינעם העסק דעי-העב צענטער, וואָס מיר שפּירן פאַר אינטערעסאַנט מיטצוטיילן פאַר די ליינער.

ווי נאָר עס איז באַקאַנט געוואָרן צווישן עלטערן אַז דער וועלט-באַרימטער העסק צענטער עפנט דעם דעי-העב פּראָגראַם, ספּעציעל צוגעשטעלט פאַר היימישע ערוואַקסענע בחורים, און באַזונדערע גרופּעס פאַר מיידלעך, מיט ספּעציעלע פּראָגראַמען אין אַ היימישע אַטמאָספערע, האָבן זיך שוין איינגעשריבן אַ צאָל היימישע בחורים אין די פּראָגראַם. זיי בילדען די ערשטע גרופּע בחורים אינעם וויליאַמסבורגער דעי-העב פּראָגראַם.

נאָכן הערן דעם הלוך ילך פון די ערשטע דריי טעג אינעם דעי-העב פראָגראַם, שטעלט זיך אַרויס אַז עס האָט ב"ה נישט אַנטוישט די עלטערן. פאַרקערט, עס האָט זיי איבערראַשט, איבערשטייגנדיג זייערע ערוואַרטונגען און בעסטע פאָרשטעלונגען.

די טעגליכע פראָגראַם הייבט זיך אָן מיטן דאַווענען יעדן טאָג און לייגן תפלין אין אַ בית המדרש אין די געגנט. דאָס דינט אויך דעם וויכטיגן צוועק פון אַריינברענגען די מיטגלידער אין די ברייטערע געזעלשאַפט, און עס אַרבעט אויף זייערע מעגליכקייטן זיך צו דרייען אין עפנטליכע ערטער און פאַרברענגען מיט מענטשן. דאָס גיט אין זיי אַריין דעם באַפרידנדען געפיל אַז זיי זענען אַ טייל פון די אַלגעמיינע געזעלשאַפט.

נאָכן עסן אַ נאָרהאַפטיגן פרישטאָג נעמט מען זיך צום סדר פון לימודי קודש, וואָס איז מייסטערפול אויסגעאַרבעט פאַר די מיטגלידער, צו ציען זייערע אינטערעסע, עס זאָל גוט אַראָפּמאָלן דעם לימוד כדי זיי זאָלן באַנעמען וואָס מ'לערנט, און עס זאָל בכלל אויפאַרבעטן זייערע ידיעות. מען האָט אָנגעהויבן מיט לערנען די ל"ט מלאכות פון שבת, וואָס יעדע מלאכה ווערט פראַקטיש געוויזן און די מיטגלידער פירן עס אַליין דורך.

אַריינגייענדיג אינעם דעי-העב פלאַץ, האָבן מיר געזען ליגן די שיסלעך פול מיט זאַמד, וואָס די מיטגלידער האָבן אויפגעאַקערט, אָנגעבויעט זומען, און זיי באַשפּריצן עס איצט. אַזוי אַרום פּראַקטיצירן זיי און לעבן אַליין מיט די מלאכה פון זורע, בעת זיי באַקומען אַ באַגריף ווי אַזוי פירות און ירקות וואַקסן. עס איז אומבאַגרייפבאַר ווי ווייט דאָס בויעט אויף זייער זעלבסט-געפיל און צופרידנהייט, שעפנדיג פאַרגעניגען פון זייער אַרבעט, און פון וואָס זיי פאַרשטייען און האַלטן מיט דאָס לערנען.

אַלס אַ טייל פון די באַשעפטיגונגען, זענען די מיטגלידער אַראָפּגעגאַנגען אין אַ מקוה אין די געגנט, וואו זיי האָבן אויפגערייניגט די מקוה, צוזאַמענגעלייגט די האַנטוכער און געטאָן אַנדערע אַרבעט וואָס זיי גלייכן. שוין אינעם ערשטן טאָג האָט מען געקענט דערקענען יעדן'ס נייגונגען און וואָס יעדער מיטגליד גלייכט. ר' חיים מאיר דערציילט אונז ווי אַזוי איינער האָט הערליך גראָד

צוזאַמענגעלייגט די האַנטוכער, אָנהויפנדיג הויכע שורות מיט האַנטוכער איינע אויף די אַנדערע, בעת אַ צווייטער האָט זייער שיין אָנגעשפּריצט און אָפּגעוואַשן די פּאָדלאָגע און אויפגערייניגט די מקוה. יעדער האָט זיך אויסגעגעבן זיינע כוחות און געפילן, בעת די מתפללים און בית המדרש האָבן הנאה געהאַט פון די שיינע אַרבעט.

איידער מ'זעט עס צו מיט די אייגענע אויגן, איז שווער צו באַגרייפן וואָס מ'טוט אויף מיט די באַשעפטיגונגען און ווי ווייט דאָס בויט אויף די צופרידנקייט פון די באַטרעפנדע, אָבער עלטערן איבערצייגן זיך ב"ה פערזענליך מיט די אַרבעט און ווי ווייט עס איז משפיע אויף זייערע קינדער, ווען זיי זעען ווי זייערע קינדער קומען אַהיים צופרידן נאָך אַ פולן טאָג פון באַלערנדע לימודים און אַקטיוויטעטן, און צוגעפּאַסטע באַשעפטיגונגען, פון וואָס זיי שפּירן אַז זיי האָבן אויפגעטאָן און זענען געווען פּראָדוקטיוו.

זיך צו לערנען פינאַנציעלע באַגריפן, איז די גאַנצע דעי-העב איין טאָג אַראָפּגעפאָרן באַצאָלן גאַז בילס אין קי-ספּען'ס צענטער אין דאַונטאַון ברוקלין. דאָס שטיין אין די רייע צו צאָלן די ביל, און הערן אַ פּאָרטראַג ווי אַזוי די סיסטעם אַרבעט, איז געווען גאָר אַ באַלערנדע טריפּ און אַקטיוויטעט פאַר די מיטגלידער.

פון די זאַכליכע פּראַגעס וואָס זיי האָבן געשטעלט, האָט זיך אַרויסגעשטעלט ווי ווייט די פּראַקטישע ערקלערונג און זייער פיזיש מיטהאַלטן די פּראָצעדור, האָט געעפנט זייער אינטערסע און האָט באַרייכערט זייער באַגריף וועגן די יוטיליטי פירמעס, וואָס עס אַרבעט מיט גאַז, פון וואו די גאַז קומט, וואָס עס מיינט אַ ביל, ווי אָפט עס קומען אָן בילס, וואָס עס געשעט ווען מ'צאָלט נישט, און זיי האָבן מיטגעהאַלטן ווי אַזוי מ'צאָלט עס און מ'פּראָצעסירט די פּעימענט.

ווען מיר האָבן באַגעגנט די גרופּע דאָנערשטאָג – ווי דערמאַנט אָנהייב פונעם אַרטיקל - האָבן זיי זיך צוריקגעקערט פון עטליכע שעה אַרבעט ביי די שבת פּעקלעך וואָס ווערט אַרויסגעשיקט דורך די קופות צדקה פון דעם לעגענדאַרן גבאי צדקה הרה"ח ר' אברהם מרדכי פּאָלאַטשעק ע"ה. ר'

חיים מאיר האָט אונז רעפּאַרירט ווי שיין די מיטגלידער האָבן צוזאַמענגעפּאַקט די חלות און אַנדערע צרכי שבת אין די פּעקלעך, זיי זאָלן זיין גרייט אָפּגעשיקט צו ווערן צו די טירן.

אַ ספּעציעל פּאַרגעניגען האָבן די מיטגלידער געהאַט צו הערן אַז די פּעקלעך ווערן אויסגעטיילט פאַר אידן צו קענען מאַכן שבת, און אַז זיי שפּילן אַ ראָלע אין די נאָבעלע צדקה אַקטיוויטעטן אונטער וואָס עס ווערט אויסגעטיילט פיל-צאָליגע שבת פּעקלעך אין שטאָט – בעת די עסקנים זענען געווען שטאַרק צופרידן פון די אַרבעט וואָס איז געטאָן געוואָרן.

צוריקקומענדיג פון די אַרבעט ביי די שבת פּעקלעך, בעת די מיטגלידער האָבן זיך אפּגערועט פון די אַרבעט, האָט זיך דערקענט אויף זייערע פּנים'ער די צופרידנהייט פון זייערע אויפטוען, אַז זיי נוצן ב"ה אויס די טאָג מיט וויכטיגע באַשעפטיגונגען. אויך די איינגעשטעלטע זענען געשטאַנען פאַרגאַפט און געשטוינט ווי ווייט די לימודים און אַקטיוויטעטן ברענגן אַריין אין זיי אַ צופרידנהייט, עס בויעט אויף זייערע באַנעמונגען און קענטעניסן, און עס גיט אַריין אין זיי אַ זעלבסט-זיכערקייט און אַ גוטן געפיל אַז זיי זענען באַשעפטיגט מיט נוצליכע אַקטיוויטעטן, פון וואָס דער ציבור געניסט.

עלטערן קענען זיך נישט אָפּוואונדערן פון די שינוי לטובה וואָס די געציילטע דעי-העב טעג האָט שוין געמאַכט אויף זייערע קינדער – וועלכע גייען שוין נישט אין קיין שולעס און האָבן ביז איצט נישט געהאַט קיין אַקטיוויטעטן מיט וואָס אָנצופולן דעם טאָג. הייסט, נישט בלויז וואָס זיי פולן אויס די טאָג, נאָר זיי נוצן אויס די טעג מיט באַלערנדע און נוצבאַרע אַקטיוויטעטן, וואָס העלפט זיי שטייגן און אַרויסברענגן זייערע אינערליכע כוחות.